STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02022

HEYM

Lipe Reznik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. רעזניק

היים

56218 14

מעלוכע־פאַרלאַג
פון אוקראַינע
1 9 2 9

Бібліографічний опис та шифри для бібліотечних каталогів на цю книгу вміщені в „Літописі Українського Друку“ та „Картковому Репертуарі“ Української Книжкової Палати

Перша Друкарня Державного Видавництва України імени Е. І. Петровського
Харків

Укрголовліт № 2909. 30/XI 1928. Зам. № 638. 2000 прим.

ה״ם

* * *

56218 14

זון איז היינט אופגעגאַן פֿאַרן פֿאַרגיין,
איז טונקל פֿאַרקויקלט אַ טונקעלער טאָג.
אין פֿאַרנאַכטיקן גאָלד איך בין איינער אַליין,
אין צעגאָסענעם גאָלד — אַ דערטרונקענער טאָג.

מיט פֿליט און מיט גאָרטן פֿאַרוואָגלט אין פֿעלד.
איז אַלעמענס פֿעלד, און ס'איז קיינער ניטאָ.
און דער, וואָס האָט סלופּעס אַף וועגן צעשטעלט,
האָט צעשטעלט, און אַוועק מיטן וועג, און ניטאָ.

פֿאַרנאַכט ווערט פֿאַרלאָשן אין פֿאַרביקער פֿרייד.
זאָל געבענטשט זיין דיין קומען אין אַלעמענס פֿעלד.
מיט יונגן דערשרעק און מיט יונגן זיין גרייט
מירן ביידע זיך קוטען אין ליכטיקער קעלט.

1923

* * *

אזוי ווי פֿאַרטאָג אָפֿן יאַם,
אף ליכטיקע וואַסערן־שיין,
אינדערשטיל, אינדערווייט,
ווי פֿאַרטאָג אף נייע געפֿונענע ברעגן, —
אזוי איז מיין טראַכטן פֿון דיר,
אינדערשטיל, אזוי ווייט,
אזוי זינגענדיק איינער אליין
אין בלויע צעהוידעטע שטרעקעס.

אז ס׳מאַכט זיך די ווייט איז אין גאָלד,
איז אין גאָלדענע פֿאַסן דער יאַם, —
איז מיין בענקען נאָך דיר,
ווי נאָך בלוילעכע רויכן
אף ערגעץ א טונקעלן ברעג, —
ווי אין אָפֿענע יאַמען דאס בענקען נאָך דיר
און נאָך טונקעלן לאַנד.

און ס׳מאַכט זיך אַמאָל,
אז די שקיעה איז קאַלט.
אין פֿאַרוואָלקנטער ווייט, אף פֿאַרוואָלקנטן יאַם, —
אזא גלעזערנע שיין, אזא זילבערנער זוים, —
איז מיין וואַרטן אַף דיר,
ווי מען וואַרט אף פֿאַרטאָג.

און ס'שלאָגט זיך דער יאַם,
און פֿאַרלויפֿט און לויפֿט אָפּ פֿונם ברעג, —
און ס'שלאָגט זיך מיין פּיין
און מיין וואַרטן
אין זילבערנעם שוים.

1925

* * *

אז איך וואַרט, און איך וואַרט, און איך ווייס,
אז אין שטאָט און אַף וועגן צום שטאָט
איז מען דאָ,
איז מען דאָ ביז פאַרנאַכט, —
און מען זוכט אין אַ פענצטער מיין שיין.

איך בין איינער אַליין און איך וואַרט,
און איך זאָג:
— מיין שוועל איז אַ טונקעלער הונט באַ מיין טיר
אַף באַנאַכט,
און מיין נאַכט איז מיין פיין.

אין זון, און אין שיין, און אין ליכט
איז מיר מאָרגן מיין טאָג.

און איך זינג, און מען זינגט מיינע טעג.
און באַנאַכט, אַז איך וואַרט, איז מיין פיין,
איז מיין זילבערנע פיין
איבער שטאָט און אַף וועגן צום שטאָט —
אַ צעשטערנטער זילבערנער וועג.

1924

* * *

מיין הויף איז פֿון שטיין און פֿון גלאָז און איז שמאָל,
מיין הויף איז דער שענסטער און שמאָלסטער אין שטאָט.
מיין פֿענצטער — אַ פֿענצטער אין מיטלסטן שטאָק,
און מיין שאָכנס אנטקעגן — אַ גלעזערנער סאָד.

מיין שאָכן איז היינט אינדערליכטיק אַליין,
און איך — אינדערפֿינצטער, מיין פֿענצטער איז בלינד.
איך לאַך, וואָס מיין שאָכן איז אַליין אינדערהיים,
און ער וואַרט, און אים דאַכט זיך, אַז עמעצער קומט.

איך לאַך און ער זעט ניט, — איך זע, און ער — ניט, —
מיין פֿענצטער איז בלינד — און מיין שאָכנס אין שיין.
מיר ביידע אַליין אין אַ הויף אינדערמיט —
איך ווייס, און ער ווייסט ניט, וואָס מאָרגן וועט זיין.

מיין הויף איז אַ שמאָלער — פֿון שטיין און פֿון גלאָז,
מיין הויף איז ביז טאָג אינדערפֿינצטער פֿאַרשפּאַרט.
אין ביידע זייט הויף איז אין טומל די גאַס,
און אין ביידע זייט גאַס — אַ צערודערטער מאַרק.

1924

* * *

סאָסנעס, אופגעווירעטע אין בויגעוודיקער הויך!
כ'וועל זיך שווענקען היינט
מיט אייער הוילן לייב
אין אָנגעגאָסענע געפעסן שקיע.
אף אייערע צעשטרעקטע דאַרע צווייגן-שטעקלעך
כ'וועל לעוואָנע-פעדימער פארציען,
און צופאַלן דערנאָך
צו אייער הוילן לייב,
און פיבערן
אין אופשטייגן פון אָוונטיקן בלויען רויך.

כ'וועל אָנגלאָזן מיט בלייכן גלאָז
די צווישן-צווייגן
פונם וואַלדס פארטרוימטע ווייטע ווענט,
און איינוואַקסן באַגלייך מיט אייך
אין גליווערדיקן שטיין
און קוקן גלאַט אַזוי,
מיט קאָפ פאַרוואָרפענעם אַרויף,
אין אַלע הויכע ערגעצן געווענדט.

1921

* * *

וועך רויט וועט זיין בלוט,
וואָס מ'האט ניט פאַרדעקט,
וועל איך זילבערנעם רוט
אינם ברודיקן פלעק,
אין סאמע דערמיט —
אופשטעלן זילבערנעם רוט.

דעם זילבער וועט שלייפן און שלייפן די זון,
און געשליפענער זילבער וועט שפיגלדיק גרייט
אָפשיינען, אפגלאַנץ פון בלוטיקער רויט.

כ'וועל טונקען אין זילבער
שפיזעלעך שיין,
און שפילנדיק שאַרפן
מיין לויטערע פיין.

ווייל ברודיק איז בלוט,
וואָס אַף ליכטיקער שיין,
און בליציק צעגליט
איז מיין לויטערע פיין
אין שפיגל פון זילבערנער שיין.

1922

* * *

אַף בולוואַרן ברענען טאָפּאָלן, פאַרפלאָנטעטע אין שיין.
בלויע נעכט און ווייסע פייערן! — וואָס וועט זיין?

אַף בולוואַרן בין איך אַ פאַרפלאָנטעטער — מיין שטאָט, מיין היים!
כ׳קען ניט איינוואקסן, און שטיין אַ קרעפּטיקער, אַ שטילער בוים.

אין מיין לאַנד אַזויפיל טאָפּאלן, אַזויפיל גרינע שטעט.
בלויע נעכט אין גרינעם לאַנד מיינעם! ס׳איז שוין זייער שפּעט.

אַף בולוואַרן אַלע מיינע טריבע טעג אַף שטילע בענק.
זאָל מיין לעצטער טאָג מיט מיר א לויטערער אין פעלד פאַרגיין.

איז שוין אָבער זייער שפּעט, און ס׳לעשט זיך שוין מיין ליד אין
ווייסער שיין.
טאָג מיין לויטערער אין גרינעם לאַנד מיינעם! — וואָס וועט זיין?

1926

* * *

איבער מיין שטאָט
איז א פרידלעכער רויך,
גאָלדענע קלויסטערס
און בלויע ווינטן.
מיין פענצטער איז קאַלט,
אזוי ריין אין הויך —
איבער טונקעלע הויפן
און איבער ווייסן ווינטער.

מיר איז דא שטיל, —
ס׳איז א שניי,
און א ווינט,
און ס׳שיט.
פונדערווייטן — די קעלט,
און פון ווייטן איז ווייס,
און ס׳איז ליכטיק.
איז מיין ברודער געקומען צו מיר אין דער הויך מיט
א ליד,
אזוי נאָענט, —
פון טונקעלע הויפן א טונקעלער דיכטער.

פאַרוואָס איז מיין ברודער געקומען,
אז דא איז מיר שטיל?

אין ליידיקע פעלדער פאַרנאַכט
אזוי ווייס און פאַרשאָטן —
דא איז מיר בעסער.
אין פראָסט און אין שניי איז מיין פענצטער,
אין ליכטיקער פראָסטיקער שפיל.
מיינע לידער? —
איך האב ניט קיין ליד,
און איך וויל זיך פאַרגעסן.

ברודער מיינער! מ'דאַרף ניט.
וואוהין זאָל איך גיין?
אין פאַרשאָטענע פעלדער פאַרנאכט —
מיט צעלאָזענע פליגל
א פאַרגליווערטע ווינטמיל.
ברודער מיינער! בלייב דא,
בא מיר אין דער היים,
אזוי הויך —
איבער גאָלדענע קלויסטערס
און בלויע ווינטן.

1927

כאָרעווע שטאָט

* * *

אין קרעפּטיקע פּאָלוואַרקעס,— טונקעלע פּריצישע הויפן,
געפלאָכטענע פּלויטן און שטרויענע שטאַלן אין דערפער.
אַ זאַמד פונם כוטאָר צום דאָרף און פון דאָרף אַף די וועגן.
צעסקריפּעטע וואָגנס צום שטאָט מיט גוי און מיט גאָלדענער שעפע.

סע סקריפּען די וואָגנס אַף שליאַכן אין זאַמד און אין זומער,
פאַרשאָטענע ווינטערס אַף וועגן מיט ביימלעך באַצייכנט.
זומער און ווינטער צום שטאָט צו— צופוס און אַף פורן,
צום שטאָט אַף די בערג, אין דער ווייטן, אין בלוילעכע רויכן.

פאַרנומען די בערג און די לענג אינדערווייט, אַזאַ בלויע—
נאָך פרי און פאַרדרימלט די שטאָט אינם פייכטן באַגינען.
נאָך פרי און פאַרדעקט, און מיט ציטעריק לייב צום פרימאָרגן,
אַ פרייע פאַר ווינטן און רעגנס, פאַר גלוסטיקע זונען.

פאַרטאָג און פאַרנאַכט אף די וועגן צופוס און אַף פורן
זעט מען שוין אויס און מע ווייזט אַף די בערג— אַזאַ בלויע!
איצט איז פאַרנאַכט, און מיין וועג איז פון טונקעלע יאָרן,—
מיין שטאָט אַף די בערג איז ניטאָ, איז צעגאַנגען אין טרויער.

* * *

מיט שטאָלענע שטאַנגען
און שווינדל פון פּאַסן
האָט מעשענער אָפּגאָט
באַהערשט
מיינע ציכטיקע גאַסן.
און איך האָב פאַרלאָזן
די געטער פון הייליקע הויכן,
און מיין ווײַרויך געריכערט
אַף בעטאָן און אַף אייזן,
מיינע דולע יאָנטויווים
צעשפּיגלט
אַף ווייסע פּאַסאַדן און זיילן
פון ציכטיקע שטאָטישע גאַסן.

1921

* * *

וועז צווייען וועלן שטיין,
און ביידע בלינדע,
וואו גאסן שאַרפן איינגעשפּאַרטן ראָג
און שלייפן אויס א טומלדיקן אָרט
פּאַר בלינדע זינגער —
וועז צווייען וועלן שטיין.

נאַכט,
אַ שיקערע פון בלויען וויין,
שטייט אָנגעליינט
אַף ווייסער אויסווייניקסטער וואַנט,
און וואַרט.

און גאַסן, —
אויסגעניכטערטע פון דולן אומגיין,
קומען אָפּרוען אַ רעגעלע
אַף שטילן ראָג,
און בלייבן דאָרט
מיט ביידע בלינדע זינגער.

איז וועמען זאָל איך שיקן,
און ווער וועט גיין
אין פרעמדן לאַנד?
ווער וועט אָנשעפּן און ברענגען

גאָלדענע בעקנס שטילע שיין,
און שפּריצן
— איינס —
און
— איינס און צוויי —
אַף ווייסער אויסווייניקסטער וואַנט,
און אויסלייזן די נאַכט
פון איר בלויער שאַנד.

ווער וועט דער געשיקטער זיין,
ווען ביידע בלינדע זינגער זינגען,
און גאַסן ליגן ליידיקע פון דולן אומגיין.

1921

* * *

אַלע שטערן שוין צעשאָטן,
אַלע שטערן שוין צעפּערלט,
באַ אריינגאַנגען באַ צוועלף
פון מוטלפּערלנער,
פון ווינטערדיקער שטאָט.

זיצן קרעציקע אין דרויסן.
ווינטער דרויסנס זיינען בלויע
באַ די צוועלעף טויערן
פון מוטלפּערלנער,
פון ווינטערדיקער שטאָט.

ליגט פאַרוויגט אַ ווייסע שטאָט
אין ווינטערדיקן ליכטיקן באַנאַכט.

האָט נאָך שטאָט געפּרואווט זיך ראַנגלען,
און ארויסגעשיקט צוויי מראַגלים,
אויסצוקוקן בלויע דרויסנס
און צעפּרעגן זיך,
וואָס קרעצעדיקע ווייסן.

די, וואָס וואַרטן אַף די מאַרקן,
וועלן היינט זיך ניט דערוואַרטן.

שטערן האָבן אויסגעפּערלט
אַלע בלויע דרויסנס
און די קרעציקע מעכויז־לאַמאַכנע ווייסן.
נאָר די היטערס ציטערן און היטן
אַלע צוועלעף טויערן
פון מוטלפּערלנער,
פון ווינטערדיקער שטאָט.

1922

* * *

מײַן כאָרעוו־געוואָרענע שטאָט
אַף פאַרלאָזענע בערג —
אַ געפײַגערטער פערד,
אַ נעװײלע
פאַרשלעפּט און פאַרגעסן
אַף הינטישע װעגן
אין בערג —
איז מײַן כאָרעװע שטאָט.

װען טויערן האָבן געברענט,
און געברענט האָבן װענט,
האָב איך גענידערט אין טאָל
און געמאָלדן די שרעק.

דאָס פאָלק, װאָס אין טאָל,
האָט די אויגן צו הויכן געװענדט, —
איז געקומען די שרעק.

1921

* * *

ווײ איז און ווײ איז מיר —
איך בין אַן אײנזאַמער.

דער קעניג, וואָס טרויערט,
פֿאַרלעשט די לאַמטערנס —
און מײן שײן איז אַ בלויע, אַ בלויע
אַף אײנזאַמע זילבערנע וועגן.

אַף די טײכן אין טאָלן,
אין טאָל אַף די שטײנער
וועט אויסגײן אין וויינען
געבױגענער ווינטער.

און וואו זאָל זיך ווינטער אהינטאָן?
אַז שטאָט איז געלעגן אין ווײסן,
פֿון שנײ אַ באַשנײטע,
און שטאָט האָט פֿאַריסן די קלײדער,
און איר שאַנד איז אנפּלעקט
פֿאַר זון און פֿאַר זוניקע טעג —
איז וואו זאָל זיך ווינטער אהינטאָן?

איך וועל אוועקגײן
מיט די, וואָס פֿאַרלאָזן דאָס פֿאָלק אין די טאָלן,

און וואָגלען
אַף איינזאַמע זילבערנע וועגן.
זיי וועלן נאָך אופגיין
און שעפּן
אין פעלדער פון גאָלדענע עפּל
אַף פאַרבאָרגענע הויכן.

ווי איז און ווי איז מיר —
איך בין אן איינזאַמער.

אַ געפיינערטער פערד
אַף נאַקעטע בערג
איז מיין כאָרעווע שטאָט.

1921

* * *

איך בין היינט אין גאַסן
אומגעגאַן אַן עמעצער,
אַ פרעמדער עמעצער.
בין ארומגעגאַן פאַרמויעכט,
און געפלאָנטעט גרענעצן,
ווענט און גרענעצן.

ערגעץ דרייען ־ דרייען רעדער,
שמייסט אַ פּאַס —
אַ שווינדל ־ פּאַס,
און מיין מיידל
קעניגט אַלץ אין שטילער גאַס —
אין הינטער ־ גאַס.

אויף אספאַלטן נאַסע,
אויסגעלייגטע אין דער וועלט אריין,
איך געוועלטיק היינט,
און באַוויליק קעניגרייך
מיט לעצטלעך העלע שיין, —
איך געוועלטיק היינט.

און עפשער בין איך גאָר אַן איינער,
אַ פאַרקישעפטער פון וואלד,

פוןווילדן וואַלד,
און אהער געשיקט זיך הײלן
אין שטאָטס אַ קוואַל,—
אין טווילע־קוואַל.

מוז מען דאָך שוין זאלבן
עמעצן אַן אַנדערן אַף שטאָט,—
אַף טומל־שטאָט,
און פאַרפּענטען גאַס און גאַסן
מיטן שנײַס געדרייטן דראָט,—
מיט ווינטער־דראָט.

איך בין היינט אין גאַסן
אומגעגאַן אַן עמעצער —
אַ פרעמדער עמעצער.

1921

* * *

און איך פֿאַרבויג מיין קאָפּ,
מיין גרויען קאָפּ,
פֿאַר אַלטע און פֿאַרהאַקטע טויערן.
איך לאָז אַראָפּ
מיין גרינגע לאַסט,
מיין לעצטן ביסל האָב
באַ שווערע איינגעשפּאַרטע מויערן,
און וואַרט שוין אונטערטעניק דאָ
אױף לעצטער שאָ.

געקלונגען האָט מיין קייט,
מיין גאָלדענע קייט,
אױף וואו אַ וועג נאָר אַ פֿאַרשאָלטענעם.
זיך אָפּגעלייט
האָט רונג נאָך רונג, —
און איצטער בין איך גרייט
צעשיטן לעצטע רינגען גאָלדענע,
און אויסשטרעקן באַפרייטע הענט
צו פרעמדע ווענט.

און מאַכט זיך ווען אַ בליק,
אַ גרינער בליק,

באַפלאַמען ט׳כאָרעווע וועגן פון מיין לאַנד, —
וועל איך שוין איצט
אין ווילדן טאָל
פאַרוואָרפן גרינעם קריץ.
אַ בלינדער טוליען זיך צו פרעמדער וואַנט,
און וואַרטן אונטערטעניק דאָ
אַף לעצטער שאָ.

1920

* * *

שײנען גאָלדענע מאַצײװעס
פּאַר אַ זײכער
אַף װײסע בערג, —
זאָל מען װיסן:
דוירעס האָבן דאָ געלעבט.

שטיפן באַ מאַצײװעס
יונגע װינטערדיקע טעג.
צעיאָגן זיך אַף װײסע שליטעלעך
פון בערג אַראָפּ,
און צעלײגן זיך אין אַלע נידערן
פון װײסן גוילעם דניעפּ.

קלינגען קלױסטערס.
גאָלד און גלאָק, און מעש, און שנײ.
גײ איך הײנט אַרױס פּאַרמישן
מײַן געלײטערטע יערושע
מיט שטײפער װינטערדיקער פרײד.

דוירעס, דוירעס!
איר האָט ניט דערלעבט
אַרױסצוגײן אַף גליטשן
מיט יונגע װינטערדיקע טעג,
פון בערג אַראָפּ
אַף װײסן גוילעם דניעפּ.

1921

* * *

פאַרטאָג, אַז ס׳איז בלוי און ס׳איז ווינטער,
און פענצטער פאַרקוקן זיך בלויע אױף ווייסע כידושים,
אַף ציכטיק געפאַלענעם וואונדער,—
שטייען באַ טונקעלע טירן פאַרשלאָפענע קינדער,
און לאָזן זיך לויפן
אין דרייען, אין פירען, אין אַלע איניינעם:
— א נעכטיקע שטאָט ניט געוואָרן,
מע דאַרף זי געפינען!
געשטאַנען אַ שטאָט מיט פאַרויכערטע דעכער,
מיט קויטיקע קוימענס,—
און איצט איז פאַרטאָג,
און די וועלט איז א בלויע, אַ ווייסע, אַ ריינע.

לויפן די קינדער אַף שליאַך און אַף שניי,
און ס׳איז קאַלט, און ס׳איז פריילעך.
באַגעגנט מען איינעם אַן אַלטן —
ער גייט און ער וויינט און ער טאַינעט,
אַז ער איז דער מיילעך:
— געשטאַנען אַ נעכטיקע שטאָט
מיט פאַרויכערטע ווענט
און מיט נאַקעטע קויטיקע קוימענס,
און איך בין דער מיילעך.

און איצט איז פֿאַרטאָג, און ס'איז קאַלט,
און די שטאָט איז ניטאָ, ניט געוואָרן,
בין איך געבליבן אַן אַלטער אליין
און בין איינער —
איז וואוהין זאָל איך גיין
און וואוהין זאָל איך פֿאָרן?

שטייען די קינדער א ווײַלע פארטראַכט —
א ראַכמאָנעס.
און נאָכדעם צעטאנצן זיך קינדער
מיט הענט און מיט פיס, און מיט שניי, און מיט שײַן,
און מיט רויטע און גאָלדענע פאָנען.

געווען איז אַ שטאָט און ניטאָ שוין
און ער איז אליין, און איז מיילעך,
און איצט איז פֿאַרטאָג און ס'איז קאַלט,
און ס'איז בלוי און ס'איז פריילעך.

1923

הילכיקע נעכט
1921 — 22

* * *

היינט בין איך א פּיקסל
אף די כורוועס פון מיין אייגן לאַנד.

לאכט אן אלטער קלוגער מאן,
און זאָגט אזוי מיט שפּאָט:
— פוקסן גייען שוין אף כורוועס,
און געבליבן איז געבליבן נאָר א וואַנט.

אלטער, אלטער מאַן!
פאַרנאַכט איז ווייס,
און דאָרפיש — ווינטערדיקע שטאָט.
ווארל איז גלוּיביקע,
וואס גייען אוף
און שאַרן זיך אין אַש פון וואַנט,
און ווארל איז מיר צו פייניקן אף שטאנגען
מיין יונגן גאָט.

גאַסן

און אַף גאַסן אַזוי איז באַפוילן:
געווען זיינען גאַסן פון שטיינער,
פאַרשטייפטע אין דראָטענע בייוולען,
באהיט פון די מאַרקישע היטער
מיט בלייענע פייפלען —
געווען זיינען גאַסן באהיט און באַוואָרנט.
און איצטער: —
מיט רויטן, מיט רויטן
פאַרפלעקן די ציכטיקע גאָרנס, —
מע מעג, וואָס מע טאָר ניט!

אָנשטעכן גאָלדענע פונקען
אַף שפּיזן,
און פינקלען
פון ווינקל צו ווינקל —
מע מעג, וואָס מע טאָר ניט.

אַף מאָטאָציקלעטן!
און שרויפן,
און שטעפּן,
און שטעפּן מיט רויכיקן נאָכיאָג

די לויטערע שטאָטישע לענגען,
און לויפן. —
מע קלינגט שוין פון טורעמס
אַף הילכיקע נעכט
און אַף ליכטיקע סרייפעס.

ס'וועט געשען

א פינצטערע נאַכט,
א דערשראָקענער טאָג.
וואָס הערט זיך אין פאָרשטעט,
וואס זאָגט מען אין שטאָט ?

פאריגלטע טירן,
און ליידיקע מערק.
פון טונקעלע געסלעך
וועט קומען די שרעק.

פאַר אַלעמענס פיין
און פאר אלעמענס שאַנד
וועט עמעצער שטיין
מיטן פּאָנעם צום וואַנט.

מ'וועט עמעצן הענגען
אינמיטן באַטאָג
אַף הויכן לאמטערן,
אַף ליכטיקן ראָג.

ס'וועט עפּעס געשען,
ס'וועט עפּעס געשען.

מיר ווייסן געוויס,
נאָר מיר ווייסן ניט ווען.

אַף הויכע לאַמטערנס —
דערוואָרגענע טעג,
אין שטאָטישע גאַסן
וועט שרייען די שרעק.

מיר ווייסן געוויס,
כאָטש מיר ווייסן ניט ווען.
ס'וועט עפּעס געשען,
ס'וועט עפּעס געשען.

אַף דער וואַך

טראַקטאָרן זײַנען גרויע,
גרוי איז שײַן.—
וויגט זיך שטאָט אין גרויען אָוונט,
וויגן זיך לאַמטערנעס־שײַן.

טופּען טריט אַף שטילע ראָגן,—
אַף דער וואַך.
טופּען אונזערע און רופֿן:
— היט זיך, ברידער, אַף דער וואַך!

איך אַף ראָג, און ער אַף צווייטן.
— שטײ, ווער גייט?
גײן אַלײן איז הײַנט אַ מוירע —
אַף די ראָגן איז מען גרייט.

גאַס איז ערגעץ אינדערפֿינצטער,
ערגעץ ברענט.
— לאָמיר גאָרנישט ניט געדענקען! —
כ'האָב אַ מיידל אין דער פֿרעמד.

לאָמיר גאָרנישט ניט געדענקען,—
— שטײ, ווער גייט!
ערגעץ איז די גאַס אַ פֿרעמדע,
אַף די ראָגן איז מען גרייט.

נעכט

די שרעק האט געגעכטיקט אין אונזערע הויפן
און האט זיך געטוליעט צו טויערן.

צעהוידעט פאַרלאָשענע נעכט
מיט ראַקעטן,
מיט גאָלדענע פאסן —
צעשיינען זיך הילכיק די נעכט,
און הוידען זיך, הוידען זיך בלויע,
און לעשן די שיינען
אין פינצטערע גאַסן.

וואָס וועט געשען היינט
אין אַלטע פאַרוואָרפענע געסלעך,
באַ קלויסטערל קליינעם,
באַ הילצערן שטיבל מיט ציילעם,
וואָס וועט געשען היינט,
און וואָס וועט מען מאָרגן דערציילן?

שטילער . . .
מע טופעט, מע טופעט,
און דאַכט זיך, אַז טונקעלע שטייען אף ראָגן.
מע דאַרף נאָך אין בלעכן ניט קלינגען,

און זאָלן נאָך מאַמעס ניט וועקן די קינדער:
— ס׳איז גאָרניט, ס׳איז גאָרניט —
א דערשראָקענע נאַכט
ליגט אַף ליידיקע ראָגן.

דערוואַרטן זיך הויפן
אַף אָנזאָג פון אויבערשטע שטאָקן:
— עס בליען שוין וויטן,
און בלייך זיינען נידערן בלויע —
עס טאָגט שוין!
עס העפטן זיך גאָלדענע קאַנטן
אַף שלעפּן פון פינצטערע קליידער,
און שווענקען מיט רויטן
די פענצטער פון אויבערשטע שטאָקן. —
עס טאָגט שוין.

דערוואַרטן זיך הויפן —
און איך און מיין הויפישער שאָכן,
מיר זיינען פאַרופן אַף נאָכאַמאָל יאנטעוו,
ביז נאַכט אַף באַלאגערטע פלעצער. —
. . . .
און ווען וועט שוין זיין אינדערוואָכן?

די שרעק האט געגעכטיקט אין אונזערע הויפן
און האט זיך געטוליעט צו טויערן.

ליד פון דער מאַכנע

איינס, צוויי, דריי, פיר,

מיר זיינען אַלע און איינער, וואָס פירט,
מיר מעסטן מיט מעשענע טאַצן די טריט.—
טרעטן די טעכטער אַף הויכן צו זען —
זע איך מיין מיידל — פאַרבראָכט זי די הענט.
ציילן מיר, מעסטן מיר שטיינערנע טריט —
איינס, צוויי, דריי, פיר.

ליגט אַ צעלייגטע אַ נאַקעטע גאַס,
דערלאַנגט מיט האכנאָע איר ליידיקע ברייט.
באַצווינגען מיר גאַס, און צעוויגן איר לענג,
וויגן און וויגן מיט שטויביקן גיין —
איינס, צוויי, דריי, פיר.

וואו ביסט דו,
און וואו איז ער,
און וואו וועלן אונזערע וועגן זיין.
היינט וועל איך גיין
מיט שטילער היים
זיך שטילערהייט געזעגענען.
ציילן מיר, מעסטן מיר שטיינערנע טריט,

באַלאָדן מיט פרייד און פון פרייד זייַנען מיד —
איינס, צוויי, דריי, פיר.

אין פארגעסענער גאַס און אַף עלנטע טרעפּ,
עמעצער בוקט זיך באַ קלויסטערשער טיר.
ווייס איך ניט ווער.
און ווער זייַנען מיר —
מיר טראָגן די פרייד און פון פרייד זייַנען מיד,
מיר מעסטן מיט מעשענע טאַצן די טריט.
איינס, צוויי, דריי, פיר.

גופים

עי, צעלויפט זיך אין די גאַסן,
שטעלט זיך רעדלעך,
שטעלט זיך רעדלעך.
באַ די טויערן די ווייסע,
שטייט און שושקעט זיך פון שפּעטער
און פון נייסן.

טאָג און נאַכט און דריי מעסלעסן
שטייט אַ מאַמע באַ די גופים.
ווערט אַ מאַמע שוין באַהיטן,
זאָלן כאַיעס זיי ניט עסן,
און ניט ווייקן זאָלן נעצן
אַלע זיבן אַף די שטריק —
זאָלן פויגלען זיי ניט פּיקן.

שטייט אַ מאַמע —
היינט, צי שפּעטער,
אָדער גאָר אַמאָל אַ מאַיסע
פון די ספאָרים.

זאָלן רעדלעך זיך באַהאלטן
פאַר די נייסן, —
ביז אַריבער ווערט דער צאָרן.

נאָכדעם וועלן מאַמעס רופן,
און געפינען זיבן גופים,
און באַהיטן.
וועל איך בײַ די מאַמעס פרעגן:
— ווען זיינט איר אַרויס אַף וועגן,
ווען געשען זיינען די נייסן,
און ווער האט אייך מיט דריי מעסלעסן
דאָ באַוואָרנט?

פרייד

זאָל דאָס פאָלק אופגיין מיט פאָנען
אַף ליכטיקע טרעפ.
מיין מאַמען וועט קיינער ניט טרייסטן —
מיין מאַמעס געוויין איז געבליבן
אַף גאָלדענע טרעפ.

זאָל דאָס פאָלק אָנצינדן סרייפעס,
און פאַרברענען די שטאָט.
מיין קינד מיט צעשראָקענע אויגן —
מיין קינד — אַ געבונדענער קאָרבן
אַף באָמעס פון שטאָט.

טאָמער איז קיינער ניט שולדיק,
און פרייד איז באַשערט, —
וועט זיין, אַז מיין אומעט וועט קומען,
וואָס וועט מיין אומעט געפינען
אַף געלעסטערטער ערד?

מיין שאָכן

און מיין שאָכן, אַ פאַרשטויבטער,
איינגעשפּאַנט אין טאַטשקע
און אין אַכצן יאָרן —
האט מיין שאָכן זיך פאַרקנאסט שוין,
אויסגעשלאָגן קאַלעס אַלע שויבן
און געבליבן באַ דער טאַטשקע.

באַריידן שכיינעס
אין טומלדיקן הויף
דעם גרויסן צאָרן.

איז מיין שאָכן אַ זוויהילער.
איז געווען אַף דער מילכאָמע,
און געקומען מיט די שקאָצים
אַף זוויהילער מאַרק זיך שפּילן.

נאָכדעם איז געווען אַ סרייפע:
ס'האבן שקאָצים מיט מיין שאָכן
אין זוויהיל געזונגען לידער
און געראָכערט.

ווייס איך —
מײנע אָפּגעשפּאַרטע מאָרגנס
װעלן נאָכגיין
זיך דערפרעגן באַ די טרעגער
אַף מײן שאָכן,
און מיט אים אין טאַטשקע זיך פאַרשפּאַנען.

טאָג דערווייַלטער

נעכטן
איז מייַן טרייסט ערגעץ געהאַנגען
א צייטיקע אף צווייגן.
אופגעגאַנגען זיינען זומערדיקע שניטער,
אופגעגאַנגען און פאַרגעסן אף די פעלדער
ציטעריקע זאַנגען.

ערגעץ האט זיך באַרג
אף רעגענען דערוואַרט,
און וואַשט זיך מיט פאַרוואָגלטן פאַרנאַכט,
און ערגעץ שפּילט מייַן טרייסט א שפּיל
פון רויט מיט גרין
אין בלעטעריקן גאָלד.

אופגעגאַנגען בין מיט זינגענדיקע שניטער
צו טויערן פון טאָג,
און נישטיק נאָך — מייַן גאָב.

פון פעלדער אָפּגעשניטענע און עלנטע
זאַנגען האב אַהער געבראַכט געציילטע —
שטיי איך היינט מיט אַלע אָרעמע און פרעמדע
בא טויערן פון טאָג דערווייַלטן.

פריד

1

פריד צו אייך גאַסן,
און פריד צו אייך פלעצער.

שלאָפן ניט, דרעמלען ניט שאָמרים אף טורעמס,
אָטעמען גאַסן אַף שטילע געלעגערס,
אין נאכט און אין ווייכן פאַרנורעט.

שטערן ניט שלאָפן פון גאַסן,
עלעקטרישער פינקל
צוקאָפנס אף פלעצער,
און שיקערער טונקל
צופוסנס אין טאָלן,
וואו שטאָטישע שטיבלעך —
פון שטיבער די לעצטע.

איך בלאָנדזשע און פלאָנטע
פאַרשפעטיקטע ראָגן.
באַגעגן איך איינעם,
באַגעגן א צווייטן,
און גיי זיי באַלייטן —
אוןביידע מיר זאָגן:
— ס'איז פרעמד אונזער אומגיין,
מיר זיינען געציילטע.

. . . .

נאַכט וועט הײַנט אופֿזײַן
א שטילע אין טאָלן,
און אופֿזײַן ביז מאָרגן.

2

פֿריד צו אייך גאַסן,
און פֿריד צו אייך פֿלעצער.

קיינער האט נאַכט ניט געבייטשט
מיט קנאַלן פֿון שאָסן,
ביז פֿאַרטאָג האט מיט זילבערנעם פּאָכען
זילבערנע שטערן געלאָשן.

און ווער וועט הײַנט אופֿזײַן מיט נאַכט אין די טאָלן,
און אופֿזײַן ביז מאָרגן?

מע זאָגט, אז אף כורוועס
א וואַנט איז געבליבן,
אף וואַנט איז געשריבן:
„מה נורא המקום".

מע זאָגט, אז אף כורבן
וועט אופֿשטיין דער בויער,
און כורבן פֿאַרבויען
מיט רויכיקע שטאָקן.
. . . .

שיק איך מיין שרעק פון קאַדמוינים־ יערושע,
שיק איך מיין אומרו מיט איינזאַמע פישער,
פאַרוואַרפן אַף מאָרגן די נעצן.
. . . .

פריד צו אייך גאַסן,
און פריד צו אייך פלעצער.

שיין

האט זיך אויסגעלאָזן גרויער ווינטער
צו מיין ווייסער גאַס.
טליעט שיין פאַרנאַכטיקע,
און לעשט זיך אף מיין קאַלטער וואַנט.
טוט מיר באַנק, וואס איך געזעגן זיך
מיט אויסגעטראַכטן גאַסט,
צינד איך אָן מיין אייוועלע—
א רויטע וואונד אף טליענדיקער וואַנט.

צאַפּט מיין פענצטערל אין בלויען דרויסן
רויטע שיין.
פאַלן רויטע שטיקלעך בלעך
אף קלינגענדיקן שניי.

ווען לעוואָנע וועט צעלייגן פונקען-פייערן,
און שטויסן אין די גאַסן גרינעם גלאָז, —
וועלן אָנקומען פאַרשפּעטיקטע —
די זינדיקע פון שטאָט, —
אלע אויסדערווילטע פון דער נאַכט
וועלן קומען שטילערהייט און גרייט.

צאַפּט מיין פענצטערל אין בלויען דרויסן
רויטע פרייד.

צוגאַסט אינדערפרעמד

זיבן בוידן פון די שליאַכן,
זיבן גלעקער פונם טראַקט,
לאָדן בלינדע נאָך פאַרמאַכטע,
שטילער ווינטער — אַפן מאַרק.

שרייען שמייסער: — פוילע ביינער
ווייך און וואַרעם האָט אַ שיר.
אופשטייט, עפנט, איר אַזוינע,
אייער שוויגער אַ געשוויר!

זיבן שליטנס, גלעקער, גלעקער,
ווינטערדיקע שטאָט, מיין שטאָט!
כ'וואָלט געוואָלט פאַרטאָג דיך וועקן
אַלע ווינטער, אַלע טאָג.

טויטע קלייטן, ווייסע דעכער,
וואו אַ קוימען דאָרט אַ רויך.
פרי־פאַרטאָג — אַ בלויער בעכער,
שטערן שטאַרבן שטיל און בלייך.

1923

* * *

כ'האָב אמאָל געהאַט אַ היים

— ניט שיין —

מיט לייז און הערינג.

ביז איך בין מיט מיינע צוועלעף יאָר אַוועק, אַוועק,

אין ווייטן וועג, אין טרויעריקן ווינטער —

נאָך עפּעס און נאָך ברויט.

נאָר אלעמאָל

— און איך און אַלע ווייסן, —

אַז אַלעמאָל איז דאָך אַ היים פאַרוועריִמט, —

איז, אוי, וואָלט איך געוואָלט ערגעץ אהינטאָן

מיינע ערשטע צוועלעף יאָר,

נאָר שטילערהייט.

איצט בין איך דאָ מיט אַלעמען א גלייכער,

איך פאָר אַרויס אַן אייגענער אין גרויסן לאַנד.

זאָגן זיי, אַז איך בין דאָ אַ פרעמדער,

אַ פאַרשעמטער, —

זאָגן זיי, — איך האָב געיאַרשנט און איך טראָג מיין שאַנד.

מיין בלוט איז רויט,

מיין לייב איז ליב און דאָרשטיק,

מיין מיידל איז דאָס שענסטע דא, וואָס איך פאַרמאָג.

זאָג איך, אַז מיין שאַנד איז אַלעמענס און מיינע,

און מיין טאָג איז דאָ — מיין ערשטער און מיין לעצטער טאָג.

אַזוי איז אַף די וועגן טרויעריקער ווינטער,
אַזוי איז ווייסע פרייד אין פעלדער — ווינטערדיק און קלאָר.
איז וואו זאָל איך אַצינד אַהינטאָן
מיין שאַנד און אַלעמענס —
מיינע ערשטע צוועלף יאָר ?

1925

* * *

אין די פעלדער גרינע ווינטן,
פון דער גרין און פון דער ווייט
אָנגעקומען און באַנומען,
און ביז אָוונט ניט געסטאַיעט.

און אַף מאָרגן פון די פעלדער,
מיט „אָברעזן" אין די הענט,
אַנדערע, צי די, וואָס נעכטן,
און מיין שטעטל האט געברענט.

אין די פעלדער גרינער קאָרן,
און מיין שטעטל האט געברענט.
אַלע מאַנסבלען זיינען אידן
און די יונגע — אינדערפרעמד.

און אַף נאָכאַמאָל אַף מאָרגן,
פון די שנייען ביזן שניט
זיינען באַנדעס אַף די וועגן,
און מיין שטעטל אינדערמיט.

1925

* * *

אומעטום, אין אַלע זייטן מאַרק
איז שטעטל,
און דער מאַרק איז איינער,
איינער אין דער מיט.

לויפט אַרום אַ טאָג אַ דולער,
לויפט אַרום א גאַנצן טאָג אין מיסט.
און פאַרנאַכט קומט אָן די נאַכט
אַ שטילע,
און באַזעצט זיך אף די פריזבעס,
וואָס אין מאַרק,
און זיצט.

און דאָס שטעטל
איז אינגאַנצן געסלעך,
קרומע פלויטן
איז דאס שטעטל,
גרינע געסלעך,
וואָס פון ערגעץ ביז אין מאַרק.
אַלע נאַכט איז שטיל אין שטעטל,
ווייל אין מאַרק אף פריזבעס
אינדערפינצטער
זיצט אַ שטילע נאַכט.

1924

* * *

מ׳האָט מיין זיידן געטריבן צום פריפעט דערטרינקען,
אים און נאָך זיידעס,
נאַרישע אַלטע און גראָווע.
מ׳פירט זיי דערטרינקען,
זיי ווייסן,
זינגען זיי אלע, —
ווייל מע מאַכט פון זיי כויזעק,
מ׳הייסט זיי, —
זינגען זיי „האַלעל״.

פאַרנאַכט איז די שרעק צו די פענצטער געגאנגען
אַ קוק טאָן אין אָפענע לאָדן.
איז מיין זיידע פון פריפעט אַרויס,
און זוכט אין דער בלאָטע, —
ער האָט דאָרט פאַרלאָרן א נאָגל.
מיין נארישער זיידע,
פאַרפאַלן!

1924

* * *

הײַנט פּראַװעט דאָס שטעטל אַ פרײלעכן אָװנט.
הײַנט איז די שענסטע פון אַלע מײדלעך,
מײַן מײדל,
קלוימערשט געװאָרן אַ קאַלע
פאַר אַ גױ,
פאַרן עלטסטן אין באַנדע.

שפּילן אידישע קלעזמער אַ קנאַסמאָל,
אַז מ'זאָל זי מיט מײדלעך פון שטעטל ניט נעמען, —
זי איז דאָך קלוימערשט דעם עלטסטנס אַ קאַלע.
פרײען זיך טאַטע און מאַמע און קרובֿים
און גױאישע געסט פונעם שטעטל —
אַ פּאָר באַלעבאַטים.

כ'װעל קומען אַמאָל צו מײַן מײדל זיך שעמען,
װעל איך קײנמאָל ניט פרעגן,
פאַרװאָס איז פון שטעטל געבליבן
נאָר זי מיט איר טאַטן.

1924

* * *

שטייט א שטעטל א צעשראָקנס
אַף מיר מיט צייל֞עם אינם קאָלוואראַט פּאַרלאָזט,
און געטעלע אַף צייל֞עם נאָר א קויטיק פּאַרטעכל פּאַרמאָגט,
און איך — אַ רויטינק שערבל גלאָז.

האָב איך וועגן אויסקוקערס צעשיקט —
אַף אויסקוקן און זען, —
זיינען זיי פּאַרלאָפּן אין דערפרעמד.

שטייט אַ שטעטל א צעשראָקנס
מיט קאָלוואראַט צעעפנטן,
און וואַרט.
טאָמער איז אַן עמעס,
אַז ניט גוטע לאָקערן,
און ניט גוטע מאַכן כויזעק
פון מיר מיט געטעלע,
וואָס אַף דער וואַך.

זיינען מיינע וועגן שוין געפאַנגען,
איינגעפלאָנטעטע אין זומערס גרינעם גאָלד.

זאָל איך נעמען האַקן אָפּגעטל
צעפּיאַלטן אַף שטאַנג,

זאָל צעהאַקן שטעטלס געטעלע פֿון האָלץ, —
אָדער אָנציילעווען רויטן שערבל גלאָז
אַף אָנקומערס פֿאַרנאַכטיקע,
ווען צופֿאַלן וועט נאַכט,
און ציטערן אין טונקל פֿאַרטעכל
פֿון ציילעם אַף דער וואַך?

1921

5*

* * *

מיט פּאָרכטיקייט צעשטעלט
מײַנע ווײַסע בליענדיקע ליכט
אויף אַלע שאַבעסדיקע טונקעלע קאַשטאַנען.
מיט הענט געוואַשענע,
מיט ציטעריקן בליק
באַרירט
צאַפּלדיקע בעזן,
אויפגעפּלאַקערטע אין בלויע פלאַמען.

מיט שטעכעדיקן דראָט
פאַרצאַמט
מײַן שטילן טראָט
אין ציטעריקן לאַנד,
און זאָל ניט קומען קיינער,
זאָל שוין ווער עס וויל
מײַן טרויער טרויערן;
הײַנט איז שאַבעס —
איך זאָל מעגן וויינען.

פון בײַטעלעך,
פאַרכלינעטע אין גרינעם,
אויסגעשטיינערט אַלע שטיינער,

אַלע שאַרבנס.
און אין שטעכעדיקן דראָט
איז ניט פֿאַראַן קיין טיר און טויערן, —
טאָ זאָל ניט קומען קיינער —
היינט איז באַ מיר שאַבעס.

ביז טאָג וועט צושפּאַרן דעם קאָפּ
אין רויטן דרימל,
און שטילע שאָטנס
וועלן אין מיין אָפּגעהיטן גאָרטן קומען.

עפּשער וועלן מיינע ווייסע ליכט נאָך צאַנקען
אין טונקעלע קאַשטאַנען,
און עפּשער וועל איך שוין אַליין פֿאַרלעשן
אין גרינע בליענדיקע בעזן
בלויע פֿלאַמען.
נאָר זאָל ניט קומען קיינער, —
היינט איז באַ מיר שאַבעס.

1921

* * *

ווינטער איז די שטאָט אַ טויבע.
זיינען גאַסן פונדערווייטן
ווייסע פעלדער,
ווייסע אין פאַרלאָשענע אין שנייען, —
גרויע פעלדער.

זיינען אָנגעקומען אין די גאַסן
(גאַסן זיינען טרויעריקע פעלדער),
זיינען אָנגעקומען רויטאַרמייער.

— לינקע — לינקע —
ווייסע שרעק און ווייסע פעלדער,
און אין דערפער הונגער.
רויטאַרמייער
טרעטן אויס אַ וועג אין שניי
און זינגען.

ווינטער
רויכערן זיך ווינטן אין די פעלדער,
און די זון אין ווייסע רויכן איז פאַרפרוירן.
האָבן אידן פונם שטעטל און די גויאים
האָבן מוירע.

גאַסן זיינען וויסטע פעלדער
און איןביידע זייטן שטיבער —
זיינען ווייסע קוואָרים.
און אינמיטן — די וואָס גייען,
ווייסט ניט קיינער, ווער זיי זיינען —
היגע אָדער פרעמדע,
אָדער רויטאַרמייער.

רויטאַרמייער, אַז זיי גייען,
זיינען אַלע איינער.
— לינקע — לינקע —
ווייסע שרעק אין ווייסע פעלדער,
און אין דערפער הונגער.
רויטאַרמייער
טרעטן אויס אין שניי א וועג
און זינגען.

1922

* * *

און איך בין א פרעמדער אין שטעטל,
אינגאַנצן אַ פרעמדער.
אַזוי זיך געקומען אַ קוק טאָן,
און גאָר.

מיך אַרט ניט,
ווייל איך בין אַ פרעמדער, —
שטעטל און מאַרק איז געווען,
און אין סרייפעס פאַרברענט. —
מיך פרייט ניט,
ווייל איך בין א פרעמדער, —
אַמאָל איז געווען,
און איצט איז אין שטעטל ניטאָ שוין
מיין מיידל מיט גאָלדענע האָר.

1924

* * *

אַראָפּ
פונם מאַרק און פון מיסט,
און פון נאַקעטע קלויסטערס און קוימענס,
אַראָפּ מיט די סעדער אין גויאישע געסלעך,
אין טאָל
איז אַ זאַמד און א ברעג און א טייכל, —
פאַרפינקלט מיט גאלד
און פארוואָרפן, פאַרוואַקסן מיט שטיינער.

אַרויף אַ באַרג
פונם טייכל, פון זאַמד און פון שטיינער —
אַ שטעטל
אין זון און אין ווינט, און אין גאָלדענע טעג,
און אין גרינע;
אין גאלד און אין שניט,
און טעגווייז אין ליכטיקן דרימל.

אַ שטעטל. —
אין מיסט און אין ציגל —
געבראָכענע ווענט און געבליבענע קוימענס.
און הויפן —
מיט כורוועס, מיט שרעק און מיט דערנער

פֿאַרגרייזעט.
אַף אַ באַרג,
און פֿאַרדרימלט, —
אַ שטעטל מיט בלויע געבליבענע קלויסטערס.

1924

בלייכע אופגאנגען

1919 - 1920

* * *

אופגעזונגען
ווייסע קלויסטערס, —
גאָלד־באַגליטע
ווייסע לידער, —
אופגעזונגען
אַף די הויכן
פון מײַן הייליקן באַטאָג,
אַף די הויכן
פון מײַן גרינער שטאָט.

בלינדע בעטלער בלײַבן אײַנציקע אַף טרעפּ,
בלינדע בעטלער ברענגען שטויבן פון די מערק
צו די קלויסטערס,
אויסגעכאָלעמטע
אַף בערג.

ווייסע קלויסטערס —
לידער אויסגעזונגענע,
אַף מײַנע גרינע בערג.

* * *

איך זוך שוין ווידער דורכלויכטן געשליפֿענע
פֿון אָפּגעבליאַקעוועטן גאָלד
אין קאַלטן פֿלאָנטער פֿון די בוימער־שפּיצן,
בעשאַס פֿאַרנאַכטיקן ניטוויסן וואָס צוטאָן.

עס וועט שוין היינט אַ כוישעכדיקע נאַכט
זיך טוליען צו צעלייגטע פֿייערן,
און אײַנשלאָפֿן געשמאַק
אין קעלט
פֿון פֿעלדישע, פֿאַרטאָגעדיקע שאָען.

איך גיי שוין ווידער אומעט א דערשלאָגענער
פֿון בלייכע אופֿגאַנגען,
וואָס צאַפּלען זיך אין ווינטיקן פֿאַרטאָג,
און צאַפּלען אויס אַ זון אן איין און איינציקע
אַף אַלע אויסגעטראַכטע וועלטן
פֿון מיין קאם דערוואַרטן טאָג.

אין טומלעניש פֿון ביז פֿאַרנאַכט
בין איך שוין איינגעהעבט אין בלויען אומעט —
אין אומעט פֿון אַ זון אַן איינזאַמער,
וואָס שלעפּט זיך אום
אַרום מיין לעצטן גלעזערנעם געצעלט.

און ערגעץ לאָקערן שוין רעגנדיקע מאָרגנס
אַף פאַנגען זי, מיין זון, די איינציקע,
און קאַפּען פון איר טעגווייז טריבע גלאַנצן,
און קאַפּען, קאַפּען, איבער ברוגעמס אָנגעגאָסענע
אין ליידיקן, אין אויסגעווייקטן פעלד.

איך קוק שוין ווידער אַ דערשלאָגענער
אַף דורכלויכטן געשליפענע
פון אָפּגעבליאַקעוועטן גאָלד.

1920

* * *

היינט וועל איך אויסקריצן קוואַלן פון טרייסט,
נאַכט, אין דיין שטיינערנעם שויס.
היינט וועל איך ציילן און ציילן די טעג,
אויסמעסטן נאַכט מיט מיין לויטערן וועג.

היינט וועל איך קרוינען מיין איינציקן טאָג
אַף טרוימען פאַרטרוימטע פון מיר, פון זיין קנעכט.
טעג מיינע טאָגן און שפּאַלטן די נאַכט,
שפּאַלטן אַף שטיקלעך, אַף טויזנטער נעכט.

היינט וועל איך אויסקריצן קוואַלן פון טרייסט,
נאַכט, אין דיין שטיינערנעם שויס.

דרייען

דרייען זיצן זיי באַם ברעג,
קוקן אויף דעם וואַסער־וועג,

— נאַכט! דו האָסט דעם טאָג באַהאַלטן! —
שרייען אַלע דריי געשטאַלטן.
— קיינער זעט זיי ניט, די דרייען,
קיינער הערט ניט זייער שרייען...

— פינצטער — מורמלט איין געשטאַלט, —
„פינצטער היינט באַנאַכט און קאַלט!

— ס'וועלן אויסגעלאָשן ווערן
היינט אין טייך די לעצטע שטערן.
נאָר די וואָלקנס וועלן שפּריצן
אין דער נאַכט מיט רויטע בליצן".

— כ'ווייס, — דערציילט די צווייטע שטיל, —
דאָ ניט ווייט אַ וואַסערמיל.

— זייגען דאָרט אין אַלע שפּאַלטן
קאַלטע פייערלעך באַהאַלטן.
לאָמיר גיין, מיט גוואַלד זיי נעמען,
און די נאַכט מיט זיי פאַרשעמען.

— ניין! — די דריטע זאָגט מיט שרעק, —
— גייט פון דאַנען ניט אַוועק!

לאָמיר אַלע דרייען זיצן,
כאַפּן פייערדיקע בליצן,
און זיי לעשן, און דערטרינקען,
לאָמיר לעשן לעצטע פונקען...

דרייען האָבן זיי פאַרטראַכט
בלייבן איינזאַם אין דער נאַכט,
שרייען אין די ווייטע ווייטן —
קומען זאָל דער טאָג צו רייטן.

קיינער זעט זיי ניט, די דרייען,
קיינער הערט ניט זייער שרייען...

1916

* * *

נאַכט,
באַ סאַמע ברעג
פון דיין פאַרוויגטער טיף,
פאַרביי די גלעזערנע
פאַרמאַכטע טויערן
פון אַלע דיינע ווייטן, נאַכט!
פאַרביי די שטילע טויערן —
האב איך פאַרוואָרפן היינט,
מיט אַלע נאָך אַזוינע,
מיין לעצטן וועג,
פאַרלוירן איינציקווייז
מיינע בלויע טעג.

און דו סט׳אַרויסשיקן
די שוימרים פון דיין שוועל,
די בלייכע היטער פון דער נאַכט,
אַף אונזער גאָלדענעם שפּור,
און אָנזאַמלען
די הויפנס בלויע טעג
באַ שטילע ווענט;

וועסט אופבויען
פון אויצרעס אונזערע

דיין רויטן שלאָס,
און זיילן גלעזערנע
ארויסשטעלן
אַף אונזער שמאָלן וועג, —
וועסט אופבויען, אָ, נאַכט,
דיין לויטערן פאַרטאָג!

נאַכט!
דאָס איז געווען
מיין לעצטער וועג:
איך האָב אַליין
צעוואָרפן איינציקווייז
מיינע אַלע בלויע טעג.

* * *

פרעמדער ברודער!
ריגל אָפּ דײַן טיר!
איך האָב געבראַכט פון װײַטנס
װײַטן שטויב,
און שװער איז טוי
פון די פרימאָרגנס אַף מײַן װעג.

ריגל אָפּ די ריגלען פון דײַן טיר,
און קני פּאַר מיר,
און שװײַג מיט מיר.

פרעמדער ברודער!
מאָרגן װעט ניט קניען קײנער
בײַ דײַן שװעל.

* * *

טאָמער איז דיין טרויער
נאָר אַ טויב
באַ בלויע קוואַלן.—
זאָל איך זאָגן
אַלע גייער,
וואָס איך וויים?

זאָל איך זאָגן,
אַז ס'איז אויסגעשעפּט
די טרייסט?

כ'האב ארויסגעשיקט
קאַיאָרן
שפּינען שיין
אין דיינע טאָלן,—
שפּינען שיין
אין דיינע ציטעריקע טאָלן,—
האבן טעכטער
מיך באַשוואָרן
לעשן פייערן
אין טאָל,—
מיך באשוואָרן
בא סאָף זומערדיקן גאָלד.

קומען שטענדיקע
באַגינענס,
דעמפּן בלויען,
קאַלטע בלויען
בא דעם קוואַל.

זאָל איך זאָגן
אַלע גייער,
וואס איך וויים?
זאָל דערציילן,
אז ס'איז אויסגעשעפּט
די טרייסט?

* * *

טויבע טאָמידן
צעהוידען
זייער קלינגענדיקן גלאָק.
נעמט אויף א טאָג!
נעמט אויף א טאָג!

בין איך מיר — און שפּין מיין בלויע פאָדים־שיין.
היינט וועט קיינער באַ זיין שוועל ניט זיין!
נעמט אויף דעם טאָג!
נעמט אויף דעם טאָג!

רויטע שערבלעך־שקיע
קלינגלען
אין די מאַרקן פון דער שטאָט.
מע שמעלצט א גאָט
אין מאַרק פון שטאָט!

בין איך מיר — און שפּין מיינע בלויע פאָדים־שיין.
טויבע טאָמידן
צעגליען פייער־פאַנען פיין
פאַר גאָלדענעם גאָט
אין שקיע־שטאָט.

* * *

שנייאיקע אָנפּליען
האבן גענומען
פֿאַרדרייען, פֿאַרשפּינען
מיט גרויען געשווינדל
מיינע אַלע ארומען.
און איך האָב געלויערט
מיט אוראַלטן פֿאַכעד
אין כּוישען פֿון היילן;
כ׳האב זיך געטוליעט
צום קאַלטן נייר-טאָמעד,
געיאַרשנטע פּונקען
פֿון צעשראָקענע דוירעס
אין וואַלדישן טונקל;
כ׳האב זיך געטוליעט מיט אוראַלטן פֿאַכעד
אין הייליקן ווינקל.

* * *

מ׳וואַרעמט זיך בא טליענדיקע הײנטן,
און גרויס איז די פרייד!
„עס װעלן שוין פלאַקערן אלע פאַרטאָגן!״
גרויס איז די פרייד!

און איך האב באַפוילן
מײן רויטן לאַמטערן
אף פעלדישע אָנשנייען.
אין זיין עלנדן אָפּשיין
אף שנייאיקע ווייסן
וועט צאַפּלען א מאָרגן,
זיך קאָרטשען
אין מאַירעוודיקע ווייען,
און איך וועל אים נאָכגיין
אין לאַנד פון פאַרלאָשענע פייערן;
ערגעץ רויכערן זיך טליענדיקע הײנטן
און קוקן ארויס
אף העלע פאַרטאָגן...
און מײן רויטער לאַמטערן —
א פונק א פאַרגעסענער

אין אייביקן העפקער
פון ווייסן אליין.

פאַרוויט זיינען אויסוועגן
אינם לאַנד
פון פאַרלאָשענע פייערן.

* * *

אין אַלע פּרימאָרגנס
באַפּרייען פון גאָלדענע נעסטן
די טויבן.
זאָל איך ניט גלויבן?
זאָל איך ניט גלויבן?

און ווען מיינע גאַסן
באַהערשן באַטאָגיקע שטויבן
און גרויס זיינען גאַסן
אין שטויביקן שווינדל, —
זאָל איך נאָך גלויבן?
זאָל איך נאָך פייער צינדן?

* * *

וואויל איז א פֿלעמל
אין אייגענער שײַן,
און גישטיק איז
ניט זײַן און זײַן.

גייער, ביסט איינער
אין פֿרייען אַליין,
דײַן טרייסט איז
אין לויטערן גיין.

איך בין אַן אָפּשײַן
פֿון אייגענער שײַן,
און וואויל איז
מײַן ניט זײַן און זײַן.

* * *

פון דער טרייפע
אינם אַלטן וואַלד
האט דער האָרן
אַפן טורעם אופגעשאַלט,
אַפן טורעם,
וואס אין ברענענדיקן וואַלד.

שטייען אופעט
ריטער פון סאָף־נאַכט,
שוואַרצע ריטער,
וואס אף שאַלן האבן שוין געוואַרט,
און געריסן
שוואַרצע פאָנען פון דער נאַכט.

אָנגענומען
פלאַמען פולע הענט,
פולע הויפנס
וואַלד, וואס ברענט,
האבן ריטער
מיט די שוואַרצע פאָנען אין די הענט.

זיבן מאָל
ארומגעריטן עק וועלט,

שוואַרצע פּאָנען
אויף די ווייַסע הויכן אויפגעשטעלט —
שוואַרצע פּאָנען —
אומעטום, אויף הויכן פון דער וועלט.

קאַלטער טרויער
אין פאַרטאָגעדיקן לאַנד.
יונגע ריטער
רייטן אָפּ אין גרויסן בראַנד,
און פאַרטראָגן
רויטע פלאַמען פון דעם טרויעריקן לאַנד.

* * *

צעעפן איך מיין אויג
אף גרויער וואַנט,
און לייען שלעפעריק און פויל
דעם סאָף פון נאַכט,
וואָס האט אין וועלטן זיך פאַרטראַכט,
און דריקט זיך דאָ
אף גרויער וואַנט.

מיט קאָפּ אין קאָלדרע איינגעדעקט
פאַרנעמט מיין אויער פון דער ווייט
דאס סקריפּען פון א וועלט,
וואס דרייט זיך אום
פון זייט אף זייט,
און טוט אַן עפן אוף אַן אויג,
און כאַפּט א קוק,
ווי הימל העלט,
און רודערט זיך דערנאָך
די גאַנצע צייט,
ביז גרויסן טאָג.

איך לייען און הער מיך איין...

א נאַכט דערגייט,
פאַרכלינעט זיך אין לויטערער ווייט—

א יונגער מאָרגן
הילכט אין וועלט אריין,
און רייט . . .

איך קוק מיר הינטערווייל
אף גרויער וואַנט,
און לייען שלעפעריק און פויל
דעם סאָף פון נאַכט,
וואס האט אין וועלטן זיך פאַרטראַכט . . .

לויטערע פאָנען

ליד פון אַרבעט *

מיר זינגען די ליד פון שווערער אַרבעט,
מיר זייען דאָס פעלד און שניידן דאָס ברויט.
מיר ווילן עסן, מיר ווילן ניט שטאַרבן,
זינגען מיר לידער פון ביטערער נויט.

מיר שניידן דאָס ברויט און דרעשן די זאַנגען,
אין זון און אין רעגן, אין שווייס און אין ווינט.
ברידער, די זון איז אין פעלד שוין פאַרגאַנגען,
וואָס וועט הײַנט עסן מײַן ווײַב און מײַן קינד.

מיר זינגען די ליד פון שווערער אַרבעט
אין גרינעם פעלד, אין בלוטיקן שווייס.
מיר ווילן עסן, מיר ווילן ניט שטאַרבן,
פאַרוואָס האט דער האַר פאַרברענט אונזער הויז?

* די ליד און די צווייטע זייבען פון „אופשטאַנד" — לידער פון אונטערדריקטע קאָלאָ-
גיאַלע פעלקער.

די ליד פון דער מאַמע

פעלדער באָדן זיך אין זון
און אין קלאָרע טויען.
אונזער לאַנד איז ניט פאַר אונז.
אַלע טאָג אין טרויער.

פאַר די האַרן פון דער פרעמד
בויגן מיר דעם רוקן.
אונזער דאָרף האט מען פאַרברענט,
אונזער פעלד איז טרוקן.

אויסגעטריקנט איז מיין ברוסט,
קינד מיינס, ווער אנשלאָפן,
אונזער שטוב — אַ בערגל מיסט,
דיין טאַטע איז אַנטלאָפן.

זויג, מיין קינד, דיין מאַמעס צאַר
און דיין טאַטנס סינע.
זאָלסט ניט מוחל זיין דעם האַר,
אַז די צייט וועט קומען.

* * *

אַז דער רעגן האָט געשווענקט אַ גאַנצע נאַכט,
שטייען מאָווערן און ווענט מיט נאַקעט לייב אין פרישער קעלט.
אַז אין שטאָט איז שטיל,
און טויערן פאַרשפאַרט,
ווייסט מען ניט, אַף וואָס זיינען אין גאַסן מאָווערן צעשטעלט.

טראַכט איך: ווען מ׳נעמט זיך שיסן פון אירפּען, *
פלוצלינג ווערט אַן אינגעלויף אין גאָס:
— מען שיסט, מען שיסט!
און אַ פרייד אַזאַ אַף דעכער און אַף ווענט,
אַ דערשרעק, אַ פרייד —
מען ווייסט שוין, וואָס מ׳האָט פריער ניט געוואוסט.
און אַ מאַמע מיינע לויפט ערגעץ נאָך ברויט,
אַלטע טאַטעס — בעטלער — וויינען אַף אַ האַרטן טראָטואַר.
וועמען גייט דאָס אָן?
אַז פון אירפּען אַ פרייד, —
זאָלן שטילע מאַמעס טראָגן אונזער צאַר.

גאַסן זיינען עלנט-נאַקעט און פאַרלאָזט,
און פאַרטאָג איז אין די גאַסן קאַלטע שיין און פרישע רו.
טראַכט איך, — ווען מע גיט אַזוי דעם ערשטן שאָס . . .
. . . .
שטיל אין שטאָט, —
מיט וואַרעם ווייב פאַרשלאָפט מען אַלע אינדערפרי.

* אירפּען — אַ טייכל הינטער קיעוו, וואו די רויטע האָבן זיך געהאַלטן די גאַנצע צייט, וואָס די דעניקינצעס האָבן פאַרנומען קיעוו.

בראָנעוויק „געוויטער"

פֿאַרטאָג האט געפּויקט מיט האַרמאַטן,
געפּויקט פֿון די בערג, און פֿון טייך, און פֿון בריק.
און די שטאָט — אין פֿאַרטאָג און אין וואַרטן,
און פֿון שטאָט צו די בערג האבן יונגע דעם יונגסטן געשיקט.

פֿאַרטאָג איז דער סוינע געלאָפֿן,
און זאַלפֿן צעשאָטן אַף בלעך און אַף שטיין, און אַף ווענט.
אין שטאָט זיינען יונגע שוין אַלע באַוואָפֿנט, —
— פֿון יונגע דער יונגסטער זאָל לויפֿן צום טייך און צום בריק, און זאָל זען.

אַף די בערג האָט אַ פֿאָן זיך צעלייטערט.
א פֿליושענע פֿאָן איז פֿאַרטאָג אַף די בערג, און איז רויט.
— דאָרט רייטן שוין אונזערע רייטער;
זאָלסט זאָגן: די יונגע אין פֿאָרשטעט שוין אַלע באַוואָפֿנט און גרייט.

פֿון יונגע דער יונגסטער — אין גאַסן.
אַף שטיינערנע ברוקן — צעשאָסענער מעש און פֿאַרדאָרבענער בליי.
טאָג איז נאָך יונג אַפֿן וואַסער,
אַ נאַקעטער טאָג אַפֿן טייך איז אין שיין און מיט גאָלדענעם לייב.

דערווייל זיינען יונגע פֿון פֿאָרשטעט
אַרויס אין די גאַסן מיט ביקס און מיט דאָרשט, און מיט פֿרייד.

באוואָפּנט, און מונטער, און דאַרשטיק
דעם סוינג פון שטאָט מיט פאַרטאָג און מיט זון, און מיט זאַלפן באַלייט.

שרויפן האַרמאַטן די הויכן,
און פויקן אין בלעכן פון דעכער, און פייפן אַוועק צום וואָקזאַל.
פאַרשטעט און שטאָט איז אין רויכן,
און מיר זייגען יונג און באוואָפנט מיט זינגען, מיט זון און מיט זאַלפּ.

און יונגע צעהענגגען די פאָנען,
און גאס — ווי אין רויטע יאָנטויווים — צעבערענט זיך באַ טויערן רויט.
פאַר אונזערער שטאָט — אַ מאַטאָנע,
אַ שטאָט א פאַרפוצטע אין פרי־יאָר, אין פאָנען, אין זון און אין פרייד.

אין גאַסן צעבערענען זיך זונען,
און טאָג איז געפאַלן אַף שטאָט און אַף בערג, ווי געפאַלענער שניי.
איז דער שאָליעך דער יונגסטער געקומען,
דערציילן כידושים פון טאָג און פון טייך, און פון רויטער אַרמיי.

— קיין רייטער האב איך ניט באַגעגנט, —
אַפן ברוק — אַ געפאנצערטער אַווטאָ, אַף פאנצער — אַ בלוטיקע שריפט, —
און אופשריפט פון אַווטאָ צו וועגן :

„— געוויטער ! —

מיט קריג אַף פאַלאַצן — אַף געצעלטן מיט פריד !"

מיט אופשריפטן — אַווטאָמאָבילן !
און אונזערע קומען צו אונז פון די דערפער, פון שטעט און פון לאַנד,

אין שטאָט און אַף בערג איז שוין פרילינג —
צעפוקעטע גרינס און צעגאָסענער פעלד אין געלייטערטן קאַנט.

איך בין דער יונגסטער פון יונגע —
און טאָג אַף די בערג איז א זיידענע פאָן, און איז רויט און צעגליט.
כ'וועל אופגיין אף פאָנען צעזינגען:

„— געוויטער!

מיט קריג אַף פאַלאצן — אף געצעלטן מיט פריד".

1925

21 ־טער יאַנוואַר 1924

היינט זיינען שוואַרץ די פאָנען
אין אונזער טרויעריקן לאַנד.

מאָרגן וועלן זין און טעכטער
טרויעריקן טאָג פאַרברענגען.
מאָרגן וועלן אופגיין אַלע מיינע ברידער
פון אינזלען און פון לענדער
אין שטאָט, וואס הייליקער פון אַלע שטעט —
אין שטאָט פון רויטן לעגין.

ערגעץ
אין אָנגעצונדענעם זאַל
שטייט דער אָרן.
און קליינע קינדער האבן מיר געפירט,
און אלע מיינע ברידער זיינען אינם זאַל געגאַנגען,
און געשוויגן שוואַרצן טרויער אין רויטן צאָרן.

מאָרגן וועלן מיר טרויעריקן טאָג פאַרברענגען.
און היינט —
זיינען אונזערע פאָנען רויטער,
און הייליקער איז אונזער צאָרן.

1924, מאָסקווע

* * *

אין גאס איז אַ יאָנטעוו, אַ זון און אַ שפּיל.
אין זון און אין סימכע — די גאַס איז הײַנט דול.

מיט מעש און מיט פּויק, און אין פּירען א רײַ,
מיט זעלנערשע טריט און — זײַ גרײַט, שטענדיק גרײַט!

אז מ'קוקט פֿון דער הויך, פֿון אַ זיבעטן שטאָק,
און מען ציילט און מען ציילט, קען מען ציילן אַ טאָג.

אין ווײַסע מאַטראָסקעס און האלזטיכלעך־רויט,
א מאכנע אין רויט און אין ווײַס און איז גרײַט.

און אט איז א צווייטע — אין רויט און אין גרין,
און גרין איז, ווי גראָז אינדערפֿרי אין א ווינט.

מיט קרעפּטיקע ליטקעס, ביז גאַרטל אין גאָלד,
מיט נאקעטע לײַבער — דאָס גייט קאָמסאָמאָל.

און וועלאָסיפּעדיסטן — גומיק און גרינג,
אין זילבערנעם שווינדל צעפֿינקלען די זון.

אַ רויטע ארמייאישע טייל מיט געווער,
און רײַטער מיט פּיקעס, קאזאקן אף פּערד.

און מיידלעך א מאכנע, מיט ליד און מיט פּאָן,
אין לופטיקע טרוסן, און קעפּלעך ווי מאָן.

און נאָכאמאָל קינדער — מע גייט און מע גייט,
אין פריידיקע פאַרבן, אין שטענדיק זיין גרייט.

פון זיבעטן שטאָק איז א פרייד, אז מען קוקט,
ווי גאס אין געמאָסטענעם טאַקט איז צעוויגט.

ווייל ס'איז קינדער און שפּיל, און א טאָג מיט א זון,
און גאס איז צעוויגט, ווי א פעלד אין א ווינט.

1925

אין מאסקווע

דער ערשטער ארבעטער-דעלעגאציע

דא איז ניט צוגאַסט,
אין גלעזערנעם וואָקזאַל, אין בריאַזג פון גלאָז און שטאָל —
דא אָטעם איך מיט יעדער שמאָלער גאַס,
דאָ אָטעם איך מיט גרינעם לאַנד, מיט גרינע פעלדער גאָלד.

ווייל דאָ איז אינדערהיים מיין גרינע פרייד.
און וואו איך בין, און וואו בולוואַרן פלאַטערן — איז גרין.
און היינט — איז אומעטום, און וואו ס'איז גרין — איז רויט, —
ווייל היינט איז דא אין מאָסקווע סטאָקהאָלם און בערלין.

ווייל אומעטום און דאָ איז היינט מיין היים,
און איך בין דאָ מיט אלעמען, און קיינעם ניט צולאַסט.
ס'איז גרינג אין גרינעם רינג מיר גיין און גיין,
ווייל איך בין שוין אין מאָסקווע, און דא — איז ניט צוגאסט.

1925, מאָסקווע

„רויטע״ און „בלאָווע״

ס׳איז נאָך בלאָוו אין דרויסן.
שטיל און בלאָוו און קאַלט.
מיר זיינען אין פעלד אַרויס, —
דער סוינע איז אין וואַלד.

מיר זיינען אין פעלד אַרויס
באַשיצן די שטאָט.
שטייט אינמיטן פעלד א מיל
אַף קיינעמס ניט באַראָט.

„רויטע״ און „בלאָווע״
פירן היינט א שפּיל.
רייטעריעס יאָגן
פאַרנעמען די מיל.

יאָגן רייטעריעס,
רויכערט זיך דער וועג.
מיר רייצן אָן די קוילנוואַרפערס,
און טרייבן זיי אוועק.

זעצן מיר זיך רייטנדיק,
און לאָזן זיך גאַלאָפּ.

צוגעבויגן צו די פערד,
אין גריווע מיטן קאָפּ.

מיר שיסן און שרייען:
— געשאָסענע, פאלט!
לויפן זיי, און פאָלגן ניט,
און אנטלויפן אין וואלד!

שטייט די זון אינמיטן טאָג,
און אין וואלד איז קיל.
רינגלען מיר דעם וואַלד ארום...
שווערער ווערט די שפּיל.

הילכט אין וואלד א ווידערקאָל,
קנאַלט א שיסעריי.
וויבער אַף די דאַטשעס
לויפן צום טראַמוואַי.

שלאָגט די זון פון מיטן טאָג,
טרעפט אין לינקן פלאַנג.
שלאָגט אין פלאַנג און פלאמט אין פראָנט
ביזן זון־פארגאַנג.

רינגלען מיר דעם וואלד ארום,
און פאַנגען דעם פיינט.
רייטן מיר צוריק אין שטאָט,—
די זון איז שוין פאַרגאַן.

— „רויטע" און „בלאָווע"
אַלע זיינען מיד.
רייטן מיר צופרידענע,
און פייפן אונזער ליד:

— מיר רויטע רייטעריעס —
דערווייל איז נאָך שטיל.
— מיר רויטע קאַוואַליעריע —
אוי, וועט זיין א שפיל!

1928

* * *

דעם אָנדענק פון כ׳ ראַבינאָוויטש

אין קאַלטע לויטערע פאַרנאַכטן רויכערט זיך דער טאָל,
דער וואַלד איז ווייט און שוואַרץ, און לעשט זיך שטיל אין בלאָוון רויך.
אין אָוונטיקער ווייט,— אין ציטעריקע פייערן די שטאָט,
און אָנגעגליטע זיילן שקיע פאַרגייען קאַלט און בלייך.

מיר זיינען דאָ אמאָל געווען פאַרנאַכט צווישן וואַלד און שטאָט,
און האָבן שוין געוואוסט — די שטאָט וועט אָפּברענען און ווערן בלינד.
די נאַכט איז דאָ אַ נאַקעטע אין פעלד, אַ דאָרשטיקע ביז טאָג,
מיר האָבן שוין געוואוסט, די שטאָט זאָל אומקומען פאַרטאָג אין ווינט.

דערנאָך האָט דאָ געברענט דער וואַלד, די שטאָט, דאָס גאַנצע לאַנד.
און דו ביסט דאָ געווען, און דאָ אין פעלד ערגעץ איז דיין געביין.
אין בלאָוון פעלד, אין שוואַרצן וואַלד, צי באַם ברעג אַ בערגל זאמד,
דאָ ברענען רויטע ליכט אף אַלע הויכע סאָסנעס פאַרן זון־פאַרגיין.

א רעגן איז אין פעלד געפאַלן — זומערדיקער ווייַן.
פאַרנאַכטן לויטערע אין גרינעם פעלד — און דו ביסט שוין ניטאָ.
באַנאַכט צעפינקלט זיך אין פייערן די שטאָט, אין גרינער שיין,
מען מאָווערט מאָווערן אין אונזער שטאָט, און דו ביסט שוין ניטאָ.

די נאַכט קומט אָן א נאַקעטע און פאַלט א דאָרשטיקע אין פעלד,
אין ווינטיקן פאַרטאָג גייט אוף א בלאָווער רויך פון טאָל.
דו ביסט ערגעץ דאָ אין פאַרנאַכטיקער און אין פאַרטאָגעדיקער קעלט . . .
אין קאַלטער לויטערקייט גייט אוף א זומערדיקער טאָג.

1928

אין שניט פֿון לאַנד
1925

װאָלגע — קאַװקאַז

* * *

מע שניידט — ס'איז גאָלד,
אין גאַרבן גאָלד! —
בערעזעס זײַנען ווײַסע מיידלעך
אינדערפֿרי אין פֿעלד.

פֿון גאָלד אין גרין,
פֿון באַרג אין טאָל —
יונגע מיידלעך פֿאָרן רײַטנדיק
אויף זומערדיקע פֿערד.

מײַן גרינע היים —
אין גאָלדן לאַנד;
מײַן מיידל איז מיט אַלע מיידלעך
פֿײַכט און גרין פֿאַרקעמט.

מײַן גאָלדן לײַב —
אין שניט פֿון לאַנד, —
ווײַל אַלע זומער איז מיר דאָ,
ווי ערשט געקומען פֿונדערפֿרעמד.

* * *

רויטע ברעגן, גרינע טאָנען, קלויסטערס — ווייס און בלויע, —
וואָלגע, — ברייטער טייך!
צו דער זון פון וואסער שפריצן זילבערנע מאטבייעס —
וואָלגע, — זומערדיקער טייך.

ניט קיין שטיין און ניט קיין שטאָל, —
פון האָלץ דעבארקאדערן.
האָלץ און שטרוי און סטירטעס גאָלד, —
און וואָלגע שפריצט מיט שטערן.

כ'האב דאָ ברידער, בלאָנדע יונגען, טרעגער אַף די ברעגן —
וואָלגע, — ווילדע פרייד!
ווייסע שיפן פירן אויצרעס שוויס און ערד מיט רעגן —
וואָלגע, — טרויעריקע פרייד.

* * *

זיצט אַ מיידל באַ דער וואָלגע
אַלע נאַכט און ביז פאַרטאָג.
— מאַמע וואָלגע, שוין פרימאָרגן,
מיין געליבטער איז ניטאָ.

פון די סטעפּעס מיין געטרייער
איז אַוועק מיט ווייסן שיף.
אַף די ברעגן ברענט מיין פייער,
רויטע ברעגן, שוואַרצע טיף.

כ׳וועל זיך וואַרפן לאָזן שווימען,
קלאָרע זאמדן שלאָגן שוים.
מאַמע וואָלגע, — אַלע זומער
איז מיין וואַרטן ווייסער שוים.

וועסט מיך וויגן און פאַרוויגן,
ווילדע מאַמע, וואָלגע־טייך.
מיינע ברוסטן — ווייסע פליגל,
מיטן ווינט פאַרוואָגלטע.

קאַזבעק

Казбек, . . .
Твой монастырь за облаками
. . . .
Парит, чуть видный над горами.

פֿאַראַן אַן אלטער טעמפּל דאָרט
אַף איינער פֿון די הייכן פֿון קאַזבעק.
כ׳האָב געשטיגן הויל און נאַקעט
און געזינגען אַף די בערג.

טויזנט יאָר און אַלטער טעמפּל
שווימען ערגעץ אין די וואָלקנס, אינדערהייך.
שווער און מיד מיט מידע ברידער
צו די שנייען, צו די ווייסע פֿעלדער פֿון קאַזבעק
דערגרייכט.

ווילדער בראָך און אלטער כורבן,
אין די טאָלן — שוואַרצע שרעק.
אין ווייסער שיין, אין בלויע זונען —
מיר — און ליכטיקער קאַזבעק.

אלטער קלויסטער איז אַ כורווע, —
כורווע־שטיינער אַף אַ גרינעם באַרג.
און די קיניגן טאַמאַרע איז נאָך אלץ באַם טערעק
אין אַ טורעם ערגעץ דאָ פֿאַרשפּאַרט.

כורווע־שטיינער, אלטע טורעמס,
טויזנט לידער — אין די בערג.
רויטע שיין און בלויע זונען
זינגען היינט מיט מיר צום זילבערנעם קאַזבעק.

אַראַגווע

פון שיקערן טאָל,
פון װעלדער אַף בערג —
מײַן ליד איז פון דאָרעם, פון טאָליקע נעכט.

מײַן בלוטיקע שטאָט,
מײַן שטאָט אַפן דניעפּ!
אַראַגווע איז שטראָמיק אַף שטײנערנע טרעפּ.

אַראגווע איז גרין —
צעקרישעטער גלאָז.
מײַן קאָפּ איז אין שוים, צי אין זילבערנעם פראָסט?

שוין שפּעט אין די בערג —
אין זילבער מײַן ליד.
באַם פריפּעט פאַרשוואַרצט מײַנע אינגלשע טריט.

מײַן לײַב איז אין שוים,
און אין קאַלטן פאַרדראָס —
איך באָד זיך אין גרינעם צעקרישעטן גלאָז.

„זאַגעס״ *

פאַראַן באַ כעווסורן אַ הייליקער וואַלד,
פאַרבאָטן פאַר ווייב,— נאָר פאַר מענער פון שטאַם,
פייערן ברענען אין טאָל, אין מ׳צכעט —
טורבינישע פרייד פאַר דער הויפּטשטאָט פון לאַנד.

פון טונקעלע טיפן — אַ טייוולשער וועג
דראפּעט זיך טעגווייז אַף שטיינערנער וואַנט.
מיין אַוטאָ איז ווינט, און דער ווינט יאָגט אונז נאָך,—
מיר יאָגן מיט אַוטאָ אין הויפּטשטאָט פון לאַנד.

קאַזבעק איז אין זילבער, און איבער די בערג,
קאַזבעק איז אין זילבערנער גזײַלעס.— און וויסט
עלעקטרישע סרייפעס — גרויסשטאָטישע היים —
אין רויט און אין אוראַלט — די הויפּטשטאָט טיפליס.

* זעמאָ - אווטשאַלער עלעקטראָ - בוי, הינטער טיפליס.

יאַם

היינט איז דער יאַם אַ צעאַקערטער פעלד,
צעכווילייעטע בייטן, צעיושעטע פערד.

צעיושעטע פערד פונם יאַם אַפן ברעג.
דער ברעג איז אַ דולער, און דול איז מיין וועג.

מע זעט מיך ניט אויס פון די בערג און פון יאַם.
און מיין פרייד איז די גרויס, ווי די גרויס פון מיין לאַנד.

ווייל מיין שרעק פון פאַרגליווערטע שטעטלשע מערק,
מיין שרעק איז אין שנייען אַף אייביקע בערג.

און איך, וואָס איך וואַרט אלע נאַכט אַף פאַרטאָג,
בין איך דול, ווי מיין פרייד, אַז דער יאם איז צעיאָגט.

ערדישע טעכטער

* * *

די זינגער פון מיזרעך
מיט גאָלדענע גלעקער,
מיט גאָלדענע גלעקער.

זיי וועלן היינט פאַנגען
די ערדישע טעכטער
אַף שטילן געלעגער
מיט קלינגען
פון גאָלדענע גלעקער.

האַרנטעס ווייסע!
טעכטער פון פרישן פרימאָרגן!
איך, נישטיקער קנעכט,
אינם טונקל פון שטילע געלעגערס,
איך בין היינט געפאַנגען
מיט ערדישע טעכטער
פון זינגער,
וואס קלינגען
אין מיזרעך
אין גאָלדענע גלעקער.

1919

פאַרנאַכט אפן וואסער

זען פונדערהייך, אַז מיין טייך איז אַ שפּיגל
געשליפן —
פאַרנאַכט זאָל אין זילבער זיך וויגן.
גאָלדענע גאַרטלען צעוויקלטע,
סטעזשקעלעך זאַמד באַרג־ארויף —
זאָל פאַרנאַכט פון דער נידער אַף גאָלד אינדערהייך
זיך פאַרקוקן ?

איז נאָך אַ מאָל ליטער,
איז נאָך אַ מאָל זומער.
אַמאָל איז אַ יונגער צום באַרג
פון ליכטיקן וואַסער געקומען,
און מיידל מיט גאלדענע האָר
אַפן באַרג שוין געפונען.

פאַרנאַכט אַפן וואַסער,
און שיין איז געשליפן.

איז אופגעגאַן מיידל
מיט מיידלשן וואונדער,
איז נאָך אַ מאָל ליטער,
איז נאָך אַ מאָל זומער.

דערציי̆ל איך מיין מיידל,
אַז טאָטערן האָבן אַמאָל זיך פאַרבענקט אין די פעלדער,
געבענקט און געקוקט מיט מיין מיידלס באַנאַכטיקע
דאָרשטיקע אויגן.
דערציי̆ל איך,
אַז רייטער, וואָס האָבן צעשראָקן די שטאָט,
האָבן מיידל געפאַנגען
און ערגעץ פאַרטראָגן, —
אַ מיידל מיט גאָלדענע האָר און מיט דאָרשטיקע
טאָטערשע אויגן.

זון האט מיט קופערנע קאַנען צום וואַסער געניידערט,
און רויט האָט זיך קופער געשמאָלצן,
געקאַפּעט אין ליכטיקן זילבער.

איז שטאָלענע שיין אַפן וואַסער,
און נאַכט איז געשליפן.
אַמאָל האָט אַ טאָטער אַ רייטער
א דערשראָקענע מיידל
אין דאָרשטיקע טאָלן גערופן.

1922

* * *

אַף שטיינערנע ווענט פון מיין הויף — באַרעליעפן,
מיידלשע ברוסטן און מענערשע קעפ.
כ׳וועל קומען אַהיים, וועל איך קיינעם ניט טרעפן, —
שטיי איך אַף ווייסע געמירמלטע טרעפ.

פריזן אין שיין, און אין זון אָרנאַמענטן,
מיט נימפעס אין נאַקעטער פרייד — אַ סאַטיר.
איך ווייס ניט אַף וועמען — איך וואַרט אַף אַ פרעמדער,
זאָל פלוצלינג אַריינגיין און פרעגן אַף מיר.

קאַפיטעלן אַף זיילן — אין שטיינערנעם פלאָנטער,
לייבער — געטאָקטע פון ליכטיקן שטיין.
— ס׳וועט קיינער ניט קומען, אין גאסן איז יאָנטעוו,
און מיידלעך, וואָס בלאָנזען, פאַרבלאָנדזען אַהיים.

אָרנאַמענטן אין שיין, און אין שאָטן די פענצטער, —
פאַרלאָשענע פענצטער אַף נאַקעטע ווענט,
די, וואָס איך קען, זיינען אלע באַקענטע, —
זאָל קומען אַ פרעמדע צו מיר פון דער פרעמד.

1924

* * *

אַ לויטערע שורע, אַ שפּאָרעוודיק וואָרט,
אַ שורע. — אַ צווייטע. — און נאָך צוויי — איז פיר.
אין פירען די שורעס, אין כאָלעם די וואָר.
דו ביסט מיין ליד — און מיין ליד איז צו דיר.

ביסט ערגעץ געגאַנגען מיט דאָרשטיקע טריט,
ביסט ערגעץ אַ פרעמדע באַ עמעצענס טיר.
מיין וואָרט איז אין וואָגל — איך פלאָנטע אַ ליד.
מיין ליד איז מיין פיין באַ פאַרלאָזענער טיר.

אין בלוי און אין זילבער פאַרגייט זיך די נאַכט.
מיין ליד איז מיין בלויע, מיין זילבערנע שיין.
אַזוי איז מיין זיין פון פאַרנאַכט ביז פאַרנאַכט.
מיין פרעמדע! דו ביסט מיין לויטערע פיין.

1924

* * *

א ליכטיק מיידל,
א ציטעריק קינד.
ס'האט וואָלגע אונזביידן
באַגאָסן מיט ווינט.

אין זילבערנע וואָלקנס —
צעגאָסענער גאָלד.
דאָס מיידל פון וואָלגע —
א קינד פון מיין פאָלק.

פאַרשוויגן מיר ביידע,
וואָס ביידן איז קלאָר —
איר אָפּשטאָם — דאָס מיידל,
און איך — מיינע יאָר.

איך גיי שוין אין זילבער,
און ווייס שוין וואוהין.
און וואָלגע — א ווילדע,
און מיידל — א קינד.

איז ווער ט'זיך דערוועגן,
אונז וואַרפן א שטיין
פאַר א זילבערנער רעגע
אינצווייען אליין?

1925

* * *

שטייט שוין געבויגן
באַ שטויביקע בייטן
דער היטער פון גאָרטן . . .

קום צו מיר מאָרגן
מיט פריען פרימאָרגן
צום גאָלדענעםביידל
באַ פאַרלאָזענע בייטן, —
קום מיט מיר מאָרגן
דעם זומער באַלייטן,

קום מיט מיר מאָרגן
שפינוועבסן שפינען,
און פעדימער דינע
פאַרהענגען אף אויסגיין
פון העלישע היצן;

מיט שפינוועבס פאַרוועבן
אין גרינבלעכן ציטער
א היטערס א ביידל
באַ גאָלדענע בייטן.
קום מיט מיר מאָרגן
דעם זומער באַלייטן.

1918

* * *

אף וואַלאַדימירער בערגל — פֿאַרוואָרלאָזטע קינדער,
א באָרוועסע כאָפּטע אלע גאַנצפֿרי.
אף וואַלאַדימירער בערגל — געווײנלעכער ווינטער,
בא פֿאַרשאָטענע גריבער — קינדערשע טריט.

אלע פֿרימאָרגן א כאָפּטע גאַנאָווים,
באַנאַכט אף די מיסטן, באטאָג באַם „נאַרפּיט".
מײַן מײדל, כ'וועל קומען צו דיר הײַנט אין אָוונט.
מיט מײדלשן לײַב וועל איך שטילן מײַן בלוט.

מײַן מײדל, מײַן ווײַב, מײַן ליכטיקע מאַמע,
אף וואַלאַדימירער בערגל — מײַנע זינדיקע נעכט.
דערווײַל איז מײַן טרייסט, וואס איך טרייסט זיך מיט גראַמען,
און איך מײן, אז איך ווײס ניט, וואס מײַן קינד איז באשערט.

1926

* * *

זי וועט קומען און מיך ניט געפינען.
אַ, לערער ראַבינדראַנאַט!
ערגעץ טראָגט זי איר שײַן ניט פֿאַרלאָשן, —
ווער וועט אים פֿאַרלעשן?
אָ, לערער ראַבינדראַנאַט!

אונזער טפּילע אינדערפֿרי איז בײַ טײַכן:
— וואו איז איר וועג?
ביז טאָג וועט זיך לייגן אין טאָלן,
און איר ליד וועט זײַן
פֿון פֿאַרלאָשענע טעג.

זי וועט קומען פֿאַרנאַכט צו די טײַכן, —
אַ, לערער ראַבינדראַנאַט!
איר שײַן איז אין פֿאַל פֿון די בלעטער,
אין געפֿאַלענע גאָלדענע בלעטער, —
אַ, לערער ראַבינדראַנאַט!

1924

* * *

אין מאָסקווע,
וואו גאַסן ברענגען אין וויטרינעס אויס,
איז וואס קאָן זיין,
און וואס איז דאָרט פאַרגרייט
פאַר אָנגעצונדן מיידל,
וואס ערגעץ ווייט אין אוקראַינע איז.

אין שטעטעלע איז שטיל און בלאָוו באַנאַכט,
און מיידלעך ברענגען דאָרטן
אין געסלעך זילבערנע.
איז גוט, וואָס איך פאַרמאָג נאָך שטילע טאָוועלעך,
מיט א פאָר צענדליק ציכטיק ריינע בלעטלעך
נאָך ניט פאַרשריבענע.

איינס אַ שנייאיק בלעטעלע צעפינטל איך
מיט ווערטער פאָשעטע,
געלייטערטע אין טומל פון וואָקזאַלן גלעזערנע.
ווייסער ווינטער אַף די וועגן איז שוין טונקעלער,
און ליב איז מיר, וואָס נאָך אַ ליד מיינע
באוואָרנט איז מיט א פארגליבטער לעזערן.

1924

שיקערע ליד

פעסער מיט ווייַן און פלעשער מיט פייער,
צייטיקע מיידלעך און פרייַלעכע זינד.
ווער איז אונז ליב און וואָס איז אונז טייער? —
טרינקט אויס אַ גלאָז, מיט דער צווייטער פאַרטרינקט.
ווער ווייסט, וואָס וועט זיין?
דאָס לעבן לויפט גיך —
איז נאָך א גלאָז ווייַן,
און כאַפּט דאָס דער רוך.

אויב ס'איז ניט גוט, און מ'וויל זיך פארגעסן,
דארף מען אנטלויפן פון שטוב און פון גאס,
זיצן אין שענקל גאנצע מעסלעסן,
קושן א מיידל און צאַפּן די פאס.
ווער ווייסט, וואָס וועט זיין?
דאָס לעבן לויפט גיך —
איז נאָך א גלאָז ווייַן,
און כאַפּט דאָס דער רוך.

ווי' איז צו אונז, ווען מיר מוזן זיין ניכטער.
שווער איז דאָס לעבן און ביטער דער טויט.
איז וואָס דארף אונז באנק טאָן? זאל ברענען ליכטיק!
לאָמיר זיך פרייען מיט שיקערער פרייד!

ווער ווייסט, וואָס וועט זיין ?
דאָס לעבן לויפט גיך —
איז נאָך א גלאָז וויין,
און כאפט דאָס דער רוך.

ווען ס'איז גוט, דער זאָל האָפן אף בעסער.
אונז איז דאָס בעסטע אין שענקל באשערט.
פריילעכע מיידלעך און בייכיקע פעסער,
שיקערע לידער און שיקערע נעכט.
ווער ווייסט, וואָס וועט זיין ?
דאָס לעבן לויפט גיך —
איז נאָך א גלאָז וויין
און כאַפט דאָס דער רוך.

וויין פון די פעסער און מיידלשן פייער
טרינקט מען ביז טאָג, מע טרינקט און מע זינגט ;
ווער איז אונז ליב און וואָס איז אונז טייער ?
טרינקט אויס א גלאָז, מיט דער צווייטער פארטרינקט.
ווער ווייסט, וואָס וועט זיין ?
דאָס לעבן לויפט גיך —
איז נאָך א גלאָז וויין,
און כאפט דאס דער רוך.

אַ בריוו

* * *

אדעס —
אַ לאַנזשעראָן, אַ מאָלדאַוואַנקע און פֿאָנטאַנען.
מײַן פֿענצטער איז פֿאַרהויכט,
דער טאָג גייט אויס.
און וויפֿל נאָך געבענשטע שטעט
און וויפֿל נאָך געבענשטע יאַמען.
כ׳בין נאָך ערגעץ נישט געווען,
און גיי שוין נישט אַרויס.

„זאָל ליפֿע אָנשרייבן,
„איך בענק דאָ אין דער שטאָט אַדעס.
„ער האָט מיסטאָם וואָס שרייבן,
„און איך בין דאָ אַליין״.
נו, יאָ —
איך האָב אַסאַך וואָס שרייבן,
און איך ווייס אַסאַך,
נאָר איך פֿאַרגעס.
דער טאָג גייט אויס.
און באַלד
וועט נאָך אַ ווינטער מײַנער שטיל פֿאַרגיין.

עס טוט אַ פּאָך אַמאָל
מיט הונגעריקער שרעק

פון אידישן פּאָדאָל.
און אמאָל גייט אוף א פרייד
פאר זיך, פאר אלעמען, —
פאר בלויער הויך.
נו, יאָ —
איך האָב וואָס שרייבן,
און ווייס אסאך,
נאָר דו ווייסט אויך.

ס'מאכן זיך שוין טעג
אזוינע ליכטיקע
און לויטערע,
ווי רויטע גלעזער זון.
און הויכע, בלויע פענצטער
גיסן אָן אין אונזער שטוב אזויפיל שיין,
פלוסקעט זיך דיין טעכטערל אין שיין,
און פלוסקעט זיך מיין זון.
און איך אליין פארגעס גאָר,
אז איך דארף נאָך
אין אזויפיל שטעט געבענשטע זיין.

דערנאָך דערמאן איך זיך —
אדעס
און סאנפראנציסקא,
ווארשע
און שאנכאי, —

און הונגעריקע מאמעס,
און שטעטעלעך דערשראָקענע,
און ביר־בידזשאַנער טרייסט.
און נעם אַף זיך די פרייד,
און נעם אַף זיך די פיין.

נו, יאָ —
דו ווייסט אַליין,
איז וואָס זאָל איך דיר שרייבן,
אַז דו ווייסט.

1928

אינהאַלט

זון איז היינט אופגעגאַן 7
אזוי ווי פאַרטאָג אַפן יאַם 8
אז איך וואַרט 10
מיין הויף איז פון שטיין 11
סאָסנעס אופגעווירעטע 12
ווען רויט וועט זיין בלוט 13
אף בולוואַרן ברענען 14
איבער מיין שטאָט 15

כאַרעווע שטאָט

אין קרעפטיקע פאָלווארקעס 19
מיט שטאלענע שטאנגען 20
ווען צווייען וועלן שטיין 21
אלע שטערן שוין צעשאָטן 23
מיין כאָרעוו - געוואָרענע שטאָט 25
ווי איז, און ווי איז מיר 26
איך בין היינט אין גאַסן אומגעגאַן 28
און איך פארבויג מיין קאָפ 30
שיינען גאָלדענע מאָציייוועס 32
פארטאג, אז ס'איז בלוי 33

הילכיקע נעכט

היינט בין איך א פיקסל 37
גאַסן 38
ס'וועט געשען 40
אַף דער וואַך 42
נעכט 43
ליד פון דער מאַכנע 45
גופים 47
פרייד 49

מיין שאָכן 50
טאָג - דערוויילטער 52
פריד 53
שיין 56

צוגאַסט אינדערפרעמד

זיבן בוירדן פון די שלי כן 59
כ׳האב אמאל געהאט א היים 60
אין די פעלדער גרינע ווינטן 62
אומעטום, אין אלע זייטן מאַרק 63
מ׳האט מיין זיידן געטריבן 64
היינט פּראַוועט דאס שטעטל 65
שטייט א שטעטל א צעשראָקנס 66
מיט פּאָרכטיקייט צעשטעלט 68
ווינטער איז די שטאָט א טויבע 70
און איך בין א פ־עמדער אין שטעטל 72
אַראָפּ פונם מאַרק און פון מיסט 73

בלייכע אופגאנגען

אופגעזונגען ווייסע קלויסטערס 77
איך זוך שוין ווידער דורכלויכטן 78
היינט וועל איך אויסקריצן 80
דרייען 81
נאַכט 83
פרעמדער ברודער 85
טאמער איז דיין טרויער 86
טויבע טאָמידן 88
שנייאיקע אָנפליען 89
ס׳וואַרעמט זיך בא טליענדיקע היינטן 90
אין אַלע פרימאָרגנס 92
וואויל איז א פלעמל 93
פון דער סרייפע 94
צעעפן זיך מיין אויג 96

לויטערע פאנען

ליד פון ארבעט 101
ליד פון דער מאַמע 102
אט דער רעגן האט געשווענקט 103
בראָנעוויק „געוויטער" 104

21 יאנוואר 1924 107
אין גאַס איז א יאָנטעוו 108
אין מאָסקווע 110
„רויטע" און „בלאָווע" 111
אין קאַלטע לויטערע פאַרנאַכטן 114

אין שניט פון לאַנד

וואָלגע

מע שניידט. ס'איז גאָלד 117
רויטע ברעגן 118
זיצט א מיידל 119

קאַווקאַז

קאַזבעק 120
אַראַגווע 121
„זאַגעס" 122
יאַם 123

ערדישע טעכטער

די זינגער פון מיזורען 127
פאַרנאַכט אַפן וואַסער 128
אף שטיינערנע ווענט פון מיין הייף 1 0
אַ לויטערע שורע, א שפּאָרעוודיק וואָרט 131
א ליכטיק מיידל 132
שטייט שוין געבויגן 133
אף וו אַדימירער בערגל 134
זי וועט קומען און מיך ניט געפינען 135
אין מאָסקווע, וואו גאַסן 136
שיקערע ליד 137

א בריון

אָדעס 141

פרייז 1 רובל 90 קאפ.
Ціна 1 крб. 90 коп. (Р)

Л. РЕЗНІК
БАТЬКІВЩИНА